# רבי אביגדור ענטפערט...



שאלות פונעם המון עם אין אלע ענינים פון יהדות, השקפה, עצות, און נאך, וואס זענען געענטפערט געווארן דורך

**הגה"צ חכימא דיהודאי, הרב**
**רבי אביגדור מיללער זצ"ל**

ביי די בארימטע ליל שישי שיעורים

פי חבא
תשע"ט לפ"ק
גליון פ"ב

## שאלה

### איז מעגליך אויסצולערנען קינדער צו אנערקענען די גוטסקייט פון די וועלט?

## ענטפער:

זיכער! דעמאלטס דארף מען עס אויסלערנען, און מען דארף לערנען א קינד און אים זאגן: "איז עס נישט הערליך אז די זון שיינט יעצט?" זיי מסביר די בענעפיטן פון די זון. אין די זומער צייט ווארימט דיר די זון, גיי אויף די זוניגע זייט פון די גאס, און גיי אויף די זוניגע זייט פון לעבן. די זון גיבט דיר וויטאמינען ווען עס שיינט אויף דיין הויט; די זון גיבט דיר ליכטיגקייט, און דאס אלעס איז **אומזיסטע ענערגיע**. קיין שום לענדלארד וועט דיר נישט שיקן קיין ביל. "קאן עדיסאן" וועט דיר נישט שיקן קיין ביל פאר די טאג-ליכטיגקייט.

ס'איז אזוי הערליך די זון-שטראלן; עס איז א משל צו הקדוש ברוך הוא. די גמרא זאגט אז די זון איז א משל פון הקב"ה. פונקט ווי די זון פארפלייצט די וועלט מיט ליכטיגקייט, פרייליכקייט און תענוג, אזוי אויך טוט הקדוש ברוך הוא. מען קען אויסלערנען די קינדער הנאה צו האבן פון די זון – אגב, מיר דארפן עס אויך אויסלערנען **פאר זיך אליינס**. לאמיר הנאה האבן פון די זון. די לענגסטע ברכה ביים דאווענען זאגן מיר אויף די זון. צו ווייזט עס נישט די היפאקריסטעווע צווישן אונז? די לענגסטע ברכה אין דאווענען איז פאר די זון, "ברוך אתה ה' יוצר אור" און עס ענדיגט זיך "יוצר המאורות", און די מלאכים זענען אזוי מרוגש פון די זון אז זיי זאגן "קדוש, קדוש, קדוש, **ברעש גדולו!"**... מיט עקסטאז! און מיר וועלכע זענען די וואס האבן הנאה דערפון, זענען נישט אינטערעסירט, מיר שלאפן. דעריבער איז דא אסאך ארבעט צו טון, אויף קינדער און אויף אונז.

## שאלה

### אין געוויסע ספרים זעט אויס אז צו טון תשובה איז נישט אזוי שווער. ס'איז א פראצעדור, אבער נישט אזוי שווער. אבער אין אנדערע ספרים שטייט אז ס'איז א גרויסע עבודה פון זיך געוואלדיג טוישן. וואס איז דער אמת?

## ענטפער:

כדי עס צו מסביר זיין, דארפן מיר פרעגן: **וואס מיינט תשובה?** צו וואס קערט מען זיך צוריק?

עס זענען דא **צוויי סארטן** פון תשובה. כדי צו תשובה טון אויף עבירות דארף מען טון געוויסע זאכן, מינימאלע פארלאנגען וואס מען דארף צו דעם זיין באוואוסטזיניג, און דאן האט מען פארפילט די **מצוה פון תשובה** טון אויף עבירות. מען דארף **חרטה** האבן אויף די עבירות. דאן דארף מען אפמאכן אז מען וועט עס נישט נאכאמאל טון. מען דארף האבן **קבלה על העתיד** אז מען וועט אפלאזן די שלעכטע וועגן. און מען דארף **בעטן** השי"ת פאר מחילה, און מען דארף זאגן **וידוי**. דאס זענען נישט אזעלכע פשוט'ע זאכן, אבער ווען מען האט ריכטיג געטון די זאכן האט מען פארפילט די עיקר פארלאנגען פון תשובה.

אבער עס איז דא אן אנדערע תשובה, סך שווערער. פיל א העכערע תשובה. און דאס איז **"שובה ישראל עד השם אלקיך"** – קום אינגאנצן צוריק צו השי"ת. נישט בלויז "טון תשובה", נאר אייגנטליך צוריקצוקומען צום באשעפער. דאס איז די ריכטיגע תשובה וואס דער איבערשטער פארלאנגט פון אונז. און די תשובה איז ענדלאז. דער געיעג צו **שלימות** פון פרובירן צו קומען נאנט צו הקדוש ברוך הוא איז א **לעבנסלענגליכע אונטערנעמונג**. משה רבינו האט אגאנץ לעבן פרובירט, און טראצדעם וואס ער האט

מצליח געווען אן א שיעור, האט ער נאך אלץ נישט פולקאם מצליח געווען. קיינער קען נישט גענצליך מצליח זיין. שובה ישראל עד השם – קום צוריק צו השי"ת, וואס מיינט נישט בלויז אויפצוהערן טון עבירות. השי"ת וויל מען זאל זיין "פערפעקט", אזוי שלימות'דיג ווי עס קען נאר זיין. און אט די שלימות מיינט צוריקקומען צו אים, דורכ'ן אים האלטן פאר די אויגן אגאנצן צייט. אגאנצן טאג. דאס איז תשובה.

א גאנץ לעבן דארף מען שטרעבן פאר מער און מער שלימות. און עס איז **א חיוב!** השי"ת זאגט אונז "מי יתן והיה לבבם זה ליראה אותי כל הימים" – הלואי וואלט זייער הארץ געבליבן אזוי אלע זייערע טעג, אזוי ווי ביי מתן תורה ווען זיי האבן אנערקענט די אנוועזנהייט פונעם אויבערשטן. השי"ת פארלאנגט פון אונז דעם זעלבן געפיל וואס זיי האבן געהאט ביי מתן תורה, ווען זיי האבן געהערט דעם קול פון השי"ת. עס איז געווען **אומגעהויער!** יעדער איז געווען איבערגענומען פונעם דבר השם ביים בארג סיני. דער קול פון השי"ת! און דער אויבערשטער האט געזאגט "איך וויל אז אזוי זאל אייביג זיין!" וויאזוי קען עס אייביג זיין אזוי?! דאס איז זייער א שווערע עבודה, א תשובה וואס נעמט אריין צוריקצוקומען צו השי"ת.

איז די עכטע תשובה; **תשובה שלימה** איז זייער א ריזיגע אונטערנעמונג, ווייל עס איז דא אסאך ארבעט צו טון צו דערגרייכן דעם מצב פון שפירן אייביג די אנוועזנהייט פון השי"ת. אבער ס'איז א געפיל וואס יעדער קען דערגרייכן. עס פארלאנגט אבער ארבעט. אונזער גאנצע לעבן דארפן מיר שטרעבן צו טון די בעסטע וואס מיר קענען נאר, דורך כסדר זוכן מער און מער שלימות, און צוריקקומען צו השי"ת ווי סך עס איז נאר מעגליך. ווי מער מען טראכט פון השי"ת, אלס מער קומט מען צוריק צו אים בתשובה שלימה. (טעיפ E-199)

## שאלה

# וועלכע ספרים זענען די וויכטיגסטע צו לערנען אמונה?

## ענטפער:

איך וואלט געזאגט אז אויסער די **תורה** וואס איז דער יסוד היסודות, וואלט איך קודם כל פארגעשלאגן דעם **"חובת הלבבות"** – ספעציעל "שער הבחינה". נישט יעדער וועט מסכים זיין מיט מיר, און געוויסע מענטשן וועלן זאגן אז ס'איז א שאד די צייט, ווייל זיי מיינען אז שער הבחינה איז בלויז א מיטל צו איבערצייגן אז ס'איז דא א בורא, און מיר דארפן דאס נישט, זאגן זיי.

אבער ס'איז א טעות – שער הבחינה איז נישט געמאכט צו איבערוויזן אז ס'איז דא א בורא. ס'איז געמאכט כדי מען זאל זיך לערנען צו **שפירן**, צו מרגיש זיין די אנוועזנהייט פונעם בורא. אזוי ווי משה רבינו – משה רבינו האט נישט געדארפט קיין שום באוויז אז השי"ת עקזיסטירט! ער האט גערעדט צום אויבערשטן אסאך מאל און ער האט זייער גוט געוואוסט אז ער עקזיסטירט. אבער דאך, ער האט געזאגט "הראני נא את כבודך" – באשעפער, ווייז מיר דיין כבוד. ווייל עס איז קיינמאל נישט גענוג; מען קען קיינמאל נישט זען השי"ת **גענוג!** צו קומען נענטער און נענטער צו זען השי"ת, דאס איז דער גלוסטעניש פון אונזער נשמה. ווייל אין עולם הבא וועט דאס זיין די געוואלדיגע גליקליכקייט: "צדיקים יושבים... ונהנים מזיו השכינה" – זיי וועלן קוקן אויף די שכינה; דאס איז זייער גלוסטעניש.

ווען מענטשן קוקן אויף דער וועלט און אויף אלע זייטן זעען זיי דעם אויבערשט'נס **גרויסקייט**; אויף אלע זייטן זעען זיי זיין **חסד**, שטייגן זיי גרעסער און גרעסער. שפאציר אריין אין א פרוכט-געשעפט, און מען קוקט אויף די הערליכע רויטע עפל; יעדע איינס איז א קונסטווערק, און די הארץ צעגייט צו זען אזעלכע הערליכע פראדוקטן – הערליכע אראנדזשעס, הערליכע טרויבן. און מען ווייסט אז יעדע איינס האט אינעווייניג א קערנדל. "אשר זרעו בו" – עס איז אזוי ווי **"קיופאנס"**. איינמאל מען ענדיגט דעם פרוכט, טרעפט מען א קיופאן אינעווייניג. אויב מען שפייט עס אויס וועט עס מאכן אז דער געוויקס זאל נאכאמאל וואקסן און ארויסגעבן מער פרוכט. און מען זעט די נסים פון **פלאנירונג און תכלית**; מען זעט דעם יד השם. ס'איז נישט קיין ספק, אין מיין מיינונג, אז שער הבחינה איז איינס פון די גרעסטע הכנות פאר א מוצלח'דיג לעבן.

צווישן אנדערע וויכטיגע ספרים, וואלט איך פארגעשלאגן **"מסילת ישרים"**. עס איז א ספר געשריבן דורך אן אחרון, אבער דער ווילנער גאון האט געזאגט אז ער האט דורכגעליינט די ערשטע 11 פרקים און יעדע ווארט איז טייער. ער האט געזאגט אז אויב וואלט דער מסילת ישרים יעצט געלעבט, וואלט ער געגאנגען צו אים צופיס אריבער גאנץ אייראפע און אים געמאכט פאר זיין רבי.

**"שערי תשובה"** פון רבינו יונה איז אויך איינס פון די גרעסטע קוועלער פאר עבודת השם. דער **רמב"ם** הלכות דעות און הלכות תשובה, און א חלק פון הלכות יסודי התורה אויך. ס'איז זייער א גרינגע שפראך צו ליינען, אבער די ווערטער פונעם רמב"ם זענען אויסערגעווענליך טיף.

די אלע ספרים ענטהאלטן א וועלט פון ידיעות. יעצט, איך זאג נישט אז דאס זענען די איינציגסטע ספרים; עס זענען נאך אנדערע ספרים אויסערדעם, אבער פאר מענטשן וועלכע האבן שאיפות צו שטייגן אין דעת השם, וואלט איך רעקאמענדירט אז זיי זאלן זיך באקענען מיט די ספרים וואס איך האב דערמאנט. (טעיפ #928)

די שאלות ותשובות זענען איבערגעטייטשט געווארן אויף אידיש לזכות את הרבים. צו באקומען טעגליך אין אימעיל די ארגינעלע שו"ת (ענגליש), און סוף וואך א פולע שמועס אויף די פרשה, שיקט א פארלאנג צו info@torasavigdor.org, אדער גייט צו torasavigdor.org. צו באקומען א שו"ת וועכנטליך דורך תלמידו הרב אברהם טיקאצקי שליט"א, שיקט א פארלאנג צו tikotzky@gmail.com



בס"ד
שרייבט אייך איין צו באקומען די הערליכע גליונות קונטרסים
וועכענטליך אויף אימעיל
עונג שבת
אידיש
תזריע-טהרה
שנת תשע"ה לפ"ק
נאר אידיש
עונג שבת
לה"ק-אידיש
תזריע-טהרה
שנת תשע"ה לפ"ק
לה"ק אידיש
$4.00
מרגניתין
לקט מובחר מגליונות בלשון הקודש על
פ' שמיני
שנת תשע"ה לפ"ק
נאר לשון הקודש
$1
א וואך
מועדים $3
בריליאנטענע און אייגנארטיגע גליונות קונטריסים, היימיש און געשמאק
זיך איינצושרייבן רופט מערכת להתענג: 845-662-2782
אדער שיקט אן אימעיל צו Subscribe@Lehisaneg.com

# באשיינט אייער שמחה, שבת התוועדות




- סידורים
- חומשים
- זמירות
- גליונות

קאסטום לויט אייער געשמאק








צו באשטעלן רופט:

## מערכת להתענג 845-662-2782

אדער שיקט אן אימעיל צו Lehisaneg@Lehisaneg.com

בס"ד

די דאזיגע גליון ערשיינט וועכנטליך אין די הערליכע קונטרסים

# עונג שבת/גוט שבת שע"י מערכת להתענג

צו באקומען די קונטריסים אויף אימעיל פאר בלויז $1 א וואך קליקט אויפן פאלגענדע לינק

http://goo.gl/forms/S8Ozcjl4K1

אדער שיקט אן אימעיל צו Subscribe@Lehisaneg.com

(אויף אונזער אימעיל ליסטע ווי אויך אויף לדעת, ערשיינט די גליון מיט צוויי וואכן אפגערוקט)

**כל טוב**